# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין אוּנְז, מִיר הָאלְטְן שׁוֹין נָאכְן מְגִלָּה לֵיינֶען. מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ לִיכְטִיקֵייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, וָואס שְׁטֵייט אַיין בַּיי מָרְדְּכַי אִינֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים. אוּנְז הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, דִי הֵיילִיגֶע סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב, גֶעגֶעבְּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַּאר אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע, אוּן וְויפִיל זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען טֶענְצֶעלֶעך - פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, טַאנְצְן מִיט דִי פִיס, אַז אַלֶע דִינִים זֶענֶען בעז"ה גֶעוָוארְן זִיס!

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין בַּיים שַׁבָּת פָּרָה. מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז דֶער פָּרָה אֲדוּמָּה קוּמְט פַארְרֶעכְטְן דִי זִינְד פוּן דֶעם עֵגֶל וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט, אוּן מִיר לַיידְן נָאכַאלְץ פוּן דֶעם חֵטְא בִּיז הַיינְט. אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּן דֶעם חֵטְא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה (תורה ע"ד ח"ב), אַז דַּוְקָא נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה, פוּן 'פּוּר' ווערְט פָּרָה', וַוייל דוּרְךְ פּוּרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ




אַ טָהֳרָה. אוּן אוֹיךְ, פּוּרִים אִיז שׁוֹין אוֹיפְן וֶועג צוּ פֶּסַח, אַז מֶען זָאל קֶענֶען זַיין נִזְהָר פוּן חָמֵץ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט, מֶען זָאל קֶענֶען עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח נָאךְ דָאס יָאר אִין יְרוּשָׁלַיִם. (ע"פ לקוטי תפלות)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר צוּזַאמֶען טְרַאכְטְן: 'וְויאַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן מַמָּשׁ יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין דִי וֶוערְטֶער, 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת וּבְרָקִים, אַלֶע הִימְלֶען הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶפְנְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִיךְ מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַּאר אִידְן אוֹיף אַן אוֹפְן וָואס אִיז קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט לוֹיפְן זֵיי אוּן בְּרֶענְגֶען גָאלְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ קֶעלְבֶּעלֶע?!!

קֶען נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ גֶעשֶׁען אַזַא זַאךְ?! אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְקוֹיפְן פַּאר אַן עֵגֶל אוּן פַארְגֶעסְן חַס וְשָׁלוֹם אַז סְ'אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז אוּנְז מְגַלֶּה דִי אַלֶע שֵׁיינֶע אוּן זִיסֶע תּוֹרוֹת?!

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אִין תּוֹרָה ס"ב. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז פַּאקְטִישׁ זֶעט מֶען אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ סִיסְטֶעם. דֶער פְלֵיישִׁיגֶער אוֹיג זֶעט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ דִי מַזָּלוֹת, דוּרְךְ בִּיזְנֶעס, דוּרְךְ דָאקְטוֹירִים, עֵצָה גֶעבֶּערְס, גֶעשֶׁעפְטְן, א.א. וו. עוֹלָם כְּמִנְהָגוֹ נוֹהֵג. פַארְהַאן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן, 'אוֹיבּ דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז לָאמִיר זֵיי דִינֶען, לָאמִיר נָאכְלוֹיפְן דֶעם מִיטֶל-

המשך קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

מֶענְטְשׁ וָואס אִיז חַס וְשָׁלוֹם כְּאִילוּ, אַ מִיטְל צְווִישְׁן מִיר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמֵיינְט בַּיים עֶגֶל וָוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, "אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ" (שְׁמוֹת ל"ב), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעוָואלְט אַן אֶמְצָעִי - אַ מִיטְל.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז הַיינְט פַּאלְן פִּיל מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ מִיט דֶעם טָעוּת אוּן מַאכְן אַ מִיטְל פוּן דִי 'סִבּוֹת' וָואס בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעלְט אָדֶער רְפוּאוֹת, עֵצוֹת א.א.וו. דָאס מֵיינְט אַז זֵיי גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אָבֶער זֵיי גְלֵייבְּן אוֹיךְ אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ סִבָּה צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן זֵיי זָאגְן אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ מַאכְן בִּיזְנֶעס אָן דֶעם קֶען חַס וְשָׁלוֹם דֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ.

אַזוֹי אוֹיךְ לִיגְן זֵיי שְׁטֶענְדִיג אִין רְפוּאוֹת אוּן לוֹיפְן נָאךְ דָאקְטוֹירִים, כְּאִילוּ חַס וְשָׁלוֹם אַז אָן מֶעדִיצִינֶען קֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם קְרַאנְקְן. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "נֵיין, ס'אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, ווַייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז סִבַּת כָּל הַסִּבּוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שׁוּם סִבָּה, פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אוֹיבְן דֶערְמַאנְט. וָואס דַארְף מֶען יָא? מֶען דַארְף אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אוּן נִישְׁט מַאכְן אַן עִיקָר פוּן דִי סִבּוֹת."

מִיר ווֵייסְן אַלֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִּירְט אַזוֹי אַז מֶען מַאכְט הִשְׁתַּדְּלוּת צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן אַ הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר רְפוּאָה, אָבֶער דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר דֶערְפוּן, נָאר אוּנְזֶער מֹחַ זָאל מַאכְן אַ עִיקָר פוּן אֱמוּנָה, רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן קֶענֶען בְּרֶענְגֶען בְּרֵייט פַּרְנָסָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן לוֹיפְן צוּ דָאקְטוֹירִים. אוּן דֶער עִיקָר, טַאקֶע מַאכְן דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת פַאר מֶען דַארְף נָאךְ אָנְקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע עֵצָה, שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶע מַזָּלוֹת, שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי טֶבַע אוּן פוּן דִי אַלֶע קָאלִירְן וָואס דִי וֶועלְט מָאלְט אוֹיס ווִיאַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן אוּן ווִיאַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אוּן גֶעזוּנְט .



דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט. בֶּאֱמֶת, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט קְלָאר גֶעוָואוּסְט אַז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר בַּיים דַאוְונֶען אוּן הֶערְט דַיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעדַאוְונְט מִיט אַ בְּרֶען אוּן מְדַקְדֵּק גֶעוֶוען אִינְזִין צוּ הָאבְּן דִי וֶוערְטֶער. נָאר ווִיבַּאלְד מֶען ווַייסְט נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן הָארְץ פוּן דֶעם זַאךְ, דַאוְונְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין בְּרֶען אוּן מֶען פְלִיעֶט אַרִיבֶּער דָאס דַאוְונֶען. דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן, 'אַפִּיקוֹרְסוּת', דָאס אִיז דִי קֻשְׁיוֹת מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְהַארְטֶעוֶועט אוּנְזֶער הָארְץ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן לוֹיפְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאוְונֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן שִׂמְחָה אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אוּנְז אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת אוּן ווִיסְן אַז מֶען דַארְף דִינֶען נָאר דֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן גָאט, דֶער גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינְקֵייט זִיךְ קֶענֶען גְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## חַבֵר טוֹב

מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אִין קַאנַאדַא אוֹיף אַ שִׂמְחָה. נָאךְ שַׁבָּת הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אַהֵיימְפִירְן מַיין זֵיידֶע קַיין נְיוּ יָארְק. מַיין טַאטֶע אוּן פֶּעטֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעבְּרָאכְן קָאפּ וָואס צוּ טוּן, אָדֶער קֶען מֶען דִינְגֶען אַ דְרַייְוֶוער וָואס דָאס קָאסְט זֵייעֶר טַייעֶר אָדֶער קֶען מַיין טַאטֶע דִינְגֶען אַ קַאר וָואס אִיז מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט קֶעגְן דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֵירָה, אוּן אִיז אוֹיךְ פִּיל בַּאקְוֶועמֶער, אָבֶּער סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, קַיין אֵיין קַאר קָאמְפַּאנִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְדִינְגֶען אַ קַאר וָואס מֶען קֶען צוּרִיקְגֶעבְּן אִין נְיוּ יָארְק. דֶער גֶעזֶעץ בַּיי זֵיי אִיז אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט עֶס אַרוֹיס אִין קַאנַאדֶע דַארְף מֶען עֶס דָארְט צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען, דָאס אִיז אַ וֶועג פוּן זֶעקְס שָׁעָה פוּן נְיוּ יָארְק.

עֶטְלִיכֶע טֶעג זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן צוּ זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן, אָבֶער נָאךְ שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי נָאךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיקְפָארְן קַיין נְיוּ יָארְק מִיט מַיין זֵיידֶע אוֹיף אַ גְרִינְגֶע אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע וֶועג.

מַיין טַאטֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים צוּטְרֶעפְן אַ גוּטֶער אִיד וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט הִילְף וַוייל זַיינֶע רֶענְצְלֶעך זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין קַאנַאדֶע אוּן הָאט גֶעדַארְפְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי פְּלֵי קָאמְפַּאנִי צוּ גֶעוָואר וֶוערְן וואוּ דִי רֶענְצְלֶעך זֶענֶען, נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט מַיין טַאטֶע גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֵר פוּן יְשִׁיבָה אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין אָפִיס צוּ מַאכְן טֶעלֶעפָאנֶען צוּ גֶעוָואר וֶוערְן וואוּ דִי רֶענְצְלֶעך גֶעפִינֶען זִיךְ. דֶער חַבֵר מִיט זַיין גָאלְדְן הַארְץ הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זיין גֶעשֶׁעפְט מִיט אַלֶע זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן זָאגְט פַאר מַיין טַאטְן, "קוּם מ'גֵייט!"

"וואוּ?" "אִין לוּפְט פֶעלְד" זָאגְט דֶער חַבֵר: "מֶען גֵייט זוּכְן דִי רֶענְצְלֶעך". "אָבֶער וֶוער

המשך אויף זייט 7

הדפסת הגליון נתנדב ע"י ר' יואל יאראוויטש הי"ו,
לרגל הולדת בנו למזל טוב

אנו מברכים מעומק הלב שבזכות הפצת אור רבינו בתוך משגיח בתלמוד תורה ברסלב בית שמש ובהפצת הגליון דעם רבינ'ס ליכט והסיפורי מעשיות עם הבחינות להתלמידים היקרים, יזכה לרוב נחת דקדושה מהרך הנימול ומכל יוצ"ח ומכל התלמידים, עדי נזכה לגאולה הקרובה בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# דָאס הֵיילִיג אָרְט



"וֶוער הָאט גֶעבּוֹיט דֶעם שֵׁיינֶעם בִּנְיָן?" וואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶער מוֹשֵׁל פוּן שְׁטָאט אוּמַאן, שְׁפַּאצִירְנְדִיג מִיט זַיין וַוייבּ נֶעבְּן דֶעם פְּרִישׁ גֶעבּוֹיטְן קְלוֹיז? "אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זוֹילְן, מִיט הֶערְלִיכֶע שְׁטֵיינֶער, אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן דִי שְׁטָאקְן, אַז זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אָן עַמּוּדִים, נָאר מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע בְּרֵייטֶע בַּאלְקֶענֶעס?!"

נוּ וֶוער טַאקֶע? ר' נַפְתָּלִי כֹּהֵן, דֶער שְׁוֶוער פוּן ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן, עֶר הָאט דָאס גֶעבּוֹיט - יָא דָאס אִיז דֶער בַּאוואוּסְטֶער קְלוֹיז פוּן ר' נָתָן אִין אוּמַאן וָואס שְׁטֵייט נָאךְ בִּיז הַיינְט.

"וִויפִיל קָאסְט צוּ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא בִּנְיָן?" פְּרֶעגְט דֶער מוֹשֵׁל פוּן ר' נַפְתָּלִי, נָאכְן בַּאטְרַאכְטְן דֶעם בֵּית מִדְרָשׁ פוּן אַלֶע זַייטְן. ר' נַפְתָּלִי זָאגְט אִים דִי פְּרַייז ווִיפִיל עֶס הָאט גֶעקָאסְט.

"אִיךְ קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין," אִיז דֶער מוֹשֵׁל אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת, "ס'הָאט וֶוען גֶעדַארְפְט קָאסְטְן עֶטְלִיכֶע מָאל אַזוֹיפִיל, אַזַא שֵׁיינֶער בִּנְיָן?!"

הָאט ר' נַפְתָּלִי אִים גֶעגֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט אַזַא מִין עֶרְלִיכְקֵייט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'עט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט צוּ פַּאקְן גֶעלְט אִין טַאשׁ, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ קָאמְפַּאנִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ בּוֹיעֶן אַזַא בִּנְיָן, מַאכְן זֵיי זִיכֶער צוּ קֶענֶען מַעֲשֶׂר'ן נָאךְ אִיבֶּערִיגֶע טַאשְׁן גֶעלְט, חוּץ פוּן דִי פְּרַייז וָואס מֶען בֶּעט, אָבֶּער דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן מִיט רֵיינֶע עֶרְלִיכְקֵייט!

"ס'הָאט גֶעקָאסְט אַ קְלֵיינִיגְקֵייט!" הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין - ווייל ס'אִיז גֶעטוּהְן גֶעוָוארְן מִיט עֶרְנְסְקֵייט. אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע הָאבְן אַנְטֵייל גֶענוּמֶען אִין בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן, זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִי'ישֶׁע אִידְן. אוּן דֶער בּוֹי־מֵייסְטֶער, אִיז אַ אִיד, אַ חֲסִידִי'שֶׁער אִיד! הָאט דֶער מוֹשֵׁל שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען, וִויאַזוֹי מֶען קֶען בּוֹיעֶן אַזַא שֵׁיינֶער בִּנְיָן פַאר אַזַא שְׁפָּאט־בִּילִיגֶע פְּרַייז!

ס'אִיז גֶעוֶוען אַ גַלָּח אִין גֶעגְנְט. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם שֵׁיינֶעם קְלוֹיז, הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְבּוֹיעֶן אַזַא קְלוֹיסְטֶער, הָאט דֶער גַלָּח זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ ר' נַפְתָּלִי עֶר זָאל אִים אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא בִּנְיָן פַאר אַ קְלוֹיסְטֶער, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוויינִיגֶער...! ר' נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ אַ קוּק גֶעגֶעבְן, ס'אִיז אִים

בִּיטֶער שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן הַארְצְן! אַ אִיד זָאל בּוֹיעֶן אַ קְלוֹיסְטֶער רַחֲמָנָא לִצְלַן? אוּן וִוידֶער, זִיךְ צֶעקְרִיגְן מִיטְן גַּלָּח אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע מַעֲשֶׂה. וָואס טוּט מֶען? הָאט עֶר גֶעפַּאקְט רֶענְצְלֶעך אוּן אִיז אַנְטְלָאפְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט: "צֶען יָאר פוּנֶעם בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן, אִיז דֶער בִּנְיָן נָאךְ גֶעוֶוען אַזַא שֵׁיינֶע בִּנְיָן, אהּ! דֶער בִּנְיָן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען נֵיי, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אֱלוּל תרע"ד, צֶען יָאר שְׁפֶּעטֶער - דֶער בִּנְיָן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען נֵיי, אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן גֶעוֶוען! דֶעמָאלְטְס אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ. הַיינְט זֶענֶען שׁוֹין דָא בִּנְיָנִים, אָבֶער דֶער בִּנְיָן אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי שֵׁיינֶע בִּנְיָנִים אִין אוּמַאן".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע קְלוֹיז ווָאוּ עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט אִידְן הָאבְּן גֶעקֶענְט דָארְט אַרַיינְגֵיין, אוֹיבְן אִין דֶער זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ עֶזְרַת נָשִׁים. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בּוֹידֶעם ווָאוּ אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. אִין דֶער זַייט אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי פָּאלִישְׁ'ן - פַאר דִי ווִינְטֶער, מֶען זָאל קֶענֶען דָארְט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְוָואכְן, ווַייל אִין דֶער גְרוֹיסֶער שׁוּל - דֶער קַאלְטֶער שׁוּהְל, אוֹי אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַייז קַאלְט ווִינְטֶער.

נָאר שַׁבָּת הָאט מֶען גֶעדַאוְונְט אִין דֶער גַאנְצֶער שׁוּל, אָבֶער מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט, גֶעדַאוְונְט!

"אוּן וִויפִיל דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט שֵׁיין אִיז דֶער דַאוֶוענֶען גֶעוֶוען נָאךְ שֶׁענֶער! דֶער דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ שֶׁענֶער!" שִׁילְדֶערְט ר' לֵוִי יִצְחָק, "אַיי אַיי אַיי - וָואס אִין דֶער שׁוּהְל הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעטוּן - קוֹלוֹת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער שׁוּהְל, אוֹי אוֹי!"

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מַאכְט צוּ אַייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן פְּרוּבִּירְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי אַ דַאוֶוענֶען הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אִין אוּמַאן בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, לוֹיט ווִי ר' לֵוִי יִצְחָק שִׁילְדֶערְט אוּנְז... לַיידֶער הָאט אוּנְזֶער דוֹר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ. דִי חָשׁוּבֶ'ע רֶעבִּיצִין גֶעלְבַּאךְ תְּחִי' אִיז אַמָאל גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן פַאר אַ בַּאזוּךְ, אוּן אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין קְלוֹיז וָואס אִיז לַיידֶער הַיינְט אַן אַייזְן-פַאבְּרִיק. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִיז זִי צֶעשְׁטוּרֶעמְט גֶעוָוארְן. זִי הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן אִירֶע אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת.

"דָא אִיז גֶעוֶוען מַיין טַאטֶענְ'ס זִיץ, אוּן דָא אִיז פֶּעטֶער מַאטֶעס גֶעזֶעסְן. דָא ר' גֶעטְשֶׁא... אוֹי וֵויי וָואס אִיז גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַלֶעס?"

זִי הָאט גֶעדֶענְקְט פּוּנְקְט ווִי אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען גֶעזֶעסְן. אִיר הַארְץ הָאט גֶעקְלֶעמְט אוֹיף דֶער פַארְשְׁוֶועכוּנְג פוּן דֶער הֵיילִיגֶער פְּלַאץ. זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן דֶעם הֵיילִיגְן קְלוֹיז פוּן דִי אוּמְרֵיינֶע הֶענְט מִיר זָאלְן קֶענֶען זִיךְ זֶען מִיטְן רֶבִּי'ן אוּן אַלֶע זַיינֶע לֶעכְטִיגֶע תַּלְמִידִים בְּקָרוֹב, אָמֵן.

ר׳ לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט: אוֹיף דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַזַא עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וֶוען דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז אַ אִיד אֵיינֶער מִיטְן נָאמֶען שַׁפִּירָא וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאכְמַאן אִין מַאכְן זוּן זֵייגֶערְס, הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער גֶעוָואלְט עֶר זָאל מַאכְן אַ זוּן-זֵייגֶער אוֹיפְ׳ן מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ! זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי סוּמֶע פוּן ׳פִינְף הוּנְדֶערְט נַאפָּאלִיאָן׳, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סוּמֶע גֶעלְט אִין יֶענֶע צַייט. אָבֶּער דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן. וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרַיינְגֵיין צוּם מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ צוּ מַאכְן דֶער זוּן זֵייגֶער, אוּן מִיר טָארְן דָארְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין! אַ אִיד פַארְקוֹיפְט זִיךְ נִישְׁט פַאר גֶעלְט!


א גרויסע זון זייגער

**תפלה פאר פסח**

באשעפער, העלף אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין אויף אונז די קדושה פון יום טוב פסח, מיט א געוואלדיגע הייליגקייט מיט א שמחה און חדוה. מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ארבע כוסות די וויין פון פסח מיט א ריכטיגע שלימות און מיט קדושה וטהרה. (תפלה כ׳)

באשעפער, זיי זיך מרחם אויף אונז מיט דיין גרויס רחמנות און דיין גרויס געגאד. העלף אונז אויפנעמען די דריי רגלים פסח, שבועות און סוכות מיט א קדושה און א גרויס פרייד, מיר זאלן זוכה זיין צו מכבד זיין אלע ימים טובים מיט אלע מיני כבוד און שיינקייט, מיט עסן, סעודות און ריינע קליידער. און רוען פון אלע ארבעט. מיט א גוט הארץ און א גרויסע שמחה.

מיט תפלה בכוונה און א געוואלדיגע התעוררות ווי עס פאסט פאר א אידיש קינד צו דאווענען און זיך אויפצופירן יום טוב.

# איין אשה'לע



המשך פון זייט 2

"זָאגְט אַז ס'אִיז דָארְט?" פְּרֶעגְט מַיין טַאטֶע.

"פְּרֶעג נִישְׁט קֵיין קֻשְׁיוֹת" זָאגְט דֶער חַבֵר:

עֶר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין קַאר אוּן פִירְט מַיין טַאטֶע אִיבֶּער דִי קַאנַאדִישֶׁע שָׁאסַייעֶן.

עֶר קוּמְט אַרַיין אִין לוּפְטְפֶעלְד, מֶען זוּכְט אַהֶער אַהִין, אַלֶע אָפִּיסֶעס זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן,

"שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג וֶועלְן דִי פְּלִי-קָאמְפַּאנִי עֶפֶענֶען", זָאגְן דִי גוֹיִם דָארְט.

"אָבֶער אִיךְ דַארְף שׁוֹין פָארְן קֵיין נְיוּ יָארְק, אִיךְ דַארְף מַיינֶען רֶענְצְלֶעךְ," זָאגְט מַיין טַאטֶע,

אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט!

מֶען גֵייט צוּרִיק אִין קַאר, דֶער חַבֵר זָאגְט פַאר מַיין טַאטֶע, "דִי ווִילְסְט דָאךְ דִינְגֶען אַ קַאר צוּ פָארְן קֵיין נְיוּ יָארְק?" דָא אִיז דָאךְ דָא אַלֶע קָאמְפַּאנִיס צוּ דִינְגֶען קַארְס.

"יָא, אָבֶער אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען דָא בַּיי אַלֶע קָאמְפַּאנִיס זֵיי ווִילְן נִישְׁט פַארְדִינְגֶען קֵיין קַארְס וָואס פָארְן נָאר אֵיין וֶועג קֵיין נְיוּ יָארְק"

דֶער חַבֵר פְּרֶעגְט נִישְׁט קֵיין סַאךְ, עֶר שְׁפַּאצִירְט אַרַיין אִין אָפִיס פוּן דֶער קַאר קָאמְפַּאנִי אוּן גִיבְט אַ פְרֶעג: "עֶנְק הָאבְּן אַ קַאר וָואס עֶנְק ווִילְן צוּרִיקְשִׁיקְן קֵיין נְיוּ יָארְק?"

"אִיךְ מַיין אַז יָא, אָבֶער נָאר קְלֵיינֶע קַארְס" עֶנְטְפֶערְט מֶען אִים. אַן אַרְבֶּעטֶער אִיז אַרוֹיס פוּן אָפִיס צוּ מְבָרֵר זַיין אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אַ קַאר. עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קְלִינְגְט עֶר אַרַיין אַז יָא, זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע נַייעֶ בַּאקְוֶועמֶע קַאר וָואס זֵיי ווִילְן שִׁיקְן קֵיין נְיוּ יָארְק ווַייל עֶס הָאט דִי לַייסֶענְס (נוּמֶערְן) פוּן נְיוּ יָארְק אוּן מֶען טָאר עֶס נִישְׁט פַארְדִינְגֶען צוּ פִירְן נָאר אִין קַאנַאדֶע. מֶען וֶועט עֶס מַאכְן רֵיין אוּן בְּרֶענְגֶען צוּם פַּארְקִינְג לַאט.



עֶס הָאט נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְט לַאנְג אוּן מַיין טַאטֶע אִיז גֶעזֶעסְן אִין אַ בַּאקְוֶועמֶע קַאר, פוּן לֶעצְטְן מָאדֶעל אַרַיינְגֶעבּוֹיט אַ דְשִׁי, פִּי עֶס.

צוּרִיקְקוּמֶענְדִיג קֵיין מָאנְטְרִיאָל הָאט מַיין טַאטֶע בַּאקוּמֶען אַ רוּף אַז דִי רֶענְצְלֶעךְ לִיגְן שׁוֹין אִין שְׁטוּבּ פוּן מַיין פֶּעטֶער פוּן מָאנְטְרִיאָל, דִי פְּלִי-קָאמְפַּאנִי הָאט עֶס אָפְּגֶעבְּרֶענְגְט. מֶען הָאט דִי רֶענְצְלֶעךְ גוּט פַארְבִּינְדְן אוֹיפְן דַאךְ פוּנֶעם טֶענְדֶער, גוּטֶע אִידְן פוּן מָאנְטְרִיאָל הָאבְּן צוּגֶעהָאלְפְן מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע בֶּענְדְלֶעךְ צוּ קֶענֶען אַדוּרְכְמַאכְן אַזַא לַאנְגֶע נְסִיעָה, מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע הָאבְּן זִיךְ בַּאקְוֶועם גֶעמַאכְט אוּן זֶענֶען אַהַיימְגֶעפָארְן לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם!

# דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ~

# 10 דֶער בַּעַל תְּפִלָּה




**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ אֵיין מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז אַ יְפַת תּוֹאַר מַחְמַת זִי בְּרֶענְגְט צוּם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז יִישׁוּב הָעוֹלָם (דְהַיְינוּ אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְשְׁן) כַּנַ"ל אוּן פְרִיר אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר פַאר אֵיין מַלְכָּה דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז ווִילְד שֵׁיין זֵייעֶר. הָאבִּין זֵיי זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מַלְכָּה.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין.** דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דִי בַּת מַלְכָּה הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין אוֹיב מֶע קָאן זִיךְ זֶעהְן מִיט אִיר. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט.

**זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען** צוּ דֶער מַלְכָּה הָאבִּין זֵיי זִי דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַלֵיין אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען. קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין. הָאבְּן זֵיי זִי גִיפְרֶעגְט ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער.

**הָאט זִי זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמוּלְט** אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. אוּן הָאט אוֹיס גִיחַאפְּט דָאס טַייעֶרְע קִינְד פוּן דֶער וִויג אַרוֹיס כַּנַ"ל אִיז זִי תֵּיכֶּף בְּשַׁעַת בְּהָלָה נָאךְ גִילָאפִּין נָאךְ דֶעם קִינְד אוּן זִי הָאט עֶס נִיט גִיפוּנֶען. הָאט זִי דִי מִילִיךְ גִישְׁפַּארְט אוּן דֶער פוּן אִיז גִיוָוארִין אַ יַם פוּן מִילִיךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זִי גִיפוּנֶען דִי מְדִינָה אוּן הָאבִּין זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ אוֹיף זֵיי.

**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה** אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוֹיךְ אוֹיף דֶעם טַייעֶרְן קִינְד וָואס סֶע אִיז נִיט דָא. אוּן אוֹיךְ אִיר פָּאטֶער אוּן מוּטֶער וָואס זִי וֵוייסְט פוּן זֵיי נִיט.

**אוּן הַיינְט הָאט שׁוֹין דִי מְדִינָה אַ מֶלֶךְ אוֹיךְ.** וָוארִין דָא אִיז זִיךְ שׁוֹין דָא אִיר מַאן פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה וָואס זִי אִיז דָא גִיוָוארִין מַלְכָּה וָוארִין דֶער גִבּוֹר אִיז זִיךְ אִיר מַאן. הָאט שׁוֹין דִי מְדִינָה אַ מֶלֶךְ.

**הָאט דִי בַּת מַלְכָּה גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אַז עֶר זָאל דֶערְוַוייל גֵיין אִין אִיר מְדִינָה אוּן זָאל זִי דֶערְוַוייל אַבִּיסִיל רֵיינִיקְן פוּן זֵייעֶר מִיאוּס שְׁלֶעכְץ וָוארִין וַוייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר זֶענֶען זֵיי בְּוַודְאַי זֵייעֶר מְזוּהָם גִיוֶוען אוּן זֶענֶען זֵייעֶר גִילִיגְן אִין דֶער תַּאֲוָה.

**אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי דֶערְוַוייל אַבִּיסִיל רֵיינִיקְן דֶערְפוּן (כְּלוֹמַר עֶר זָאל זֵיי מוּסָר זָאגִין אַז זֵיי זָאלִין נִיט אַזוֹי לִיגְן אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף) אַז זֵיי זָאלִין נִיט אַזוֹי גְרָאבּ זַיין אִין דֶעם שְׁלֶעכְץ וָוארִין חוּץ וָואס סֶע אִיז אַ תַּאֲוָה אִיז דָאס נָאךְ בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַזוֹי ווִי אֵיין **אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית** (וָוארִין דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָוואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אִירֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַאר אַ תַּכְלִית כַּנַ"ל. אִיז דִי זַאךְ בַּיי אִיטְלִיכֶער גִיוֶוען אַזוֹי ווִי אֵיין אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית) **אִיבֶּער** דֶעם הָאט זִי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיקְן אַבִּיסִיל דֶערְוַוייל.

**דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע גִיגַאנְגֶען** זוּכִין דִי אִיבְּרִיקֶע זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה

הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיפְֿרֶעגְט וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט. אַז זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז אַ בֶּן שָׁנָה

**וָוארִין זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה** וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ מְזוֹנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט נִיט גִישְׁפַּייזְט פוּן דֶעם עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן. דֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ.

**הָאבִּין זֵיי אוֹיף גִינוּמֶען דֶערְוַוייל** אֵיין עוֹשֶׁר פַּאר אֵיין מֶלֶךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ מֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אַ יַם פוּן מִילִיךְ. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט זִיךְ גִישְׁפַּייזְט זִינְט עֶר לֶעבְּט פוּן מִילִיךְ. אוּן עֶר וֶוערְט נִיט גִישְׁפַּייזְט פוּן עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

**אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ.** אוּן אִיבֶּער דֶעם הֵייסְט עֶר אַ בֶּן שָׁנָה וַוייל עֶר לֶעבְּט פוּן מִילִיךְ וִוי אַ בֶּן שָׁנָה (דְהַיְינוּ אַ קִינְד פוּן אֵיין יָאר).

**הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסְן אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי דָאס קִינְד זֵייעֶרְס.** הָאבִּין זֵי גִיבֶּעטִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען מֶעלְדִיוֶוען זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ אִים הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע וָוארִין עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ דֶערְקֶענְט חָאטְשֶׁע עֶר אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד דֶעמוּלְט אַז עֶר אִיז אַוֶועק גִיחַאפְּט גִיוָוארְן.

**לוּשְׁמִיר וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען אַ גְרֵייטֶער חָכָם** וִוי עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ גִיבּוֹירְן גִיוָוארִין מִיט גְרֵייטֶער חָכְמָה כַּנַּ"ל. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זֵיי דֶערְקֶענְט. אוּן זֵי הָאבִּין אִים בְּוַודְאַי דֶערְקֶענְט.

**אִיז בְּוַודְאַי דָארְט גִיוֶוען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.** לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין נָאךְ גְוֵיינְט וָואס זֵיי וֵוייסִין נִיט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דֶער מַלְכָּה. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיפְֿרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער.

**הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמוּלְט** אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט אִים אַוֶועק גִיחַאפְּט הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיטְרָאגְן וִוי הִין עֶר הָאט אִים גִיטְרָאגִין אִיז עֶר דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְחַיָה גִיוֶוען מִיט וָואס עֶר הָאט דָארְט גִיפוּנֶען.

**בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם יַם פוּן מִילִיךְ.** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודְאַי גִיוָוארִין פוּן זַיין מוּטֶערְס מִילִיךְ. וָוארִין דִי מִילִיךְ הָאט זִי בְּוַודְאַי גִישְׁפַּייזְט. אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם.

**אִיז עֶר דָארְט גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם יַם פוּן מִילִיךְ.** אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין גִישְׁפַּייזְט פוּן דֶער מִילִיךְ בִּיז דִי מְדִינָה זֶענֶען גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אֵיין מֶלֶךְ.

**דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיפְֿרֶעגְט וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַז רְצִיחָה אִיז דֶער תַּכְלִית. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ אֵיין רוֹצֵחַ.

**דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אֵיינֶע** אִיז גִיזֶעסִין אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט. הָאבִּין זֵיי זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן. אַז זִי אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ גְרוֹסֶער רוֹצֵחַ וָוארִין זִי זִיצְט זִיךְ אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט.

**הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ מִיט אִיר זֶעהְן.** זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִיוֶועט.

**זֶענֶען זֵיי צוּ אִיר אַרַיין גִיגַאנְגֶען.** אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דִי מַלְכָּה הַנַּ"ל. **וָואס זִי פְלֶעגְט תָּמִיד וויינֶען.** אוּן פוּן אִירֶע טְרֶערִין אִיז גִיוָוארִין דֶעם יַם פוּן בְּלוּט כַּנַּ"ל.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט.** אִיז דָארְט בְּוַודְאַי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיוֵויינְט. וָואס זֵיי וֵוייסִין נָאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ נִיט.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן פַאר אַ מֶלֶךְ אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד. (כְּלוֹמֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט כָּבוֹד וְכוּ' כַּנַּ"ל) וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד.

**דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען סֶע אִיז גִיזֶעסִין אִין פֶעלְד.** אַ זָקֵן אָנְגִיטָאן אִין אֵיין קְרוֹין אוֹיף זַיין קָאפּ. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואויל גִיפֶעלִין. וָוארִין עֶר אִיז אַ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר זִיצְט אִין פֶעלְד אָנְגִיטָאן אִין אֵיין קְרוֹין. הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ.

**הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוּיסִין.** אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר מֶלֶךְ אַלֵיין. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ מִיט אִים זִיךְ צוּ זֶעהְן. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט.

**זֶענֶען זֵיי צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען** הָאבִּין זֵיי דֶערְקֶענְט. אַז דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין.

**אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין אִין מוֹחַ.** אוּן דִי נַארִישֶׁע גָאטִין (דְהַיינוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען) גֵייעֶן מִיט זֵיי. אוּן זֵיי וֵוייסִין גָאר נִיט פוּן זֵייעֶר לֶעבִּין וָואס דָא טוּט זִיךְ. וָואס מֶע אִיז דָא אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

**אוּן הַיינְט זֶענֶען שׁוֹין ווידֶער אוּן אֵיינֶעם צוּם** אוֹיף גִיקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער קִיבּוּץ. דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע לַייט.

**הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה צוּ דִי אַלֶע מְדִינוֹת** (דְהַיינוּ דִי מְדִינוֹת פוּן אַלֶע כִּתּוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַאר אַ תַּכְלִית כַּנַּ"ל). **אַז עֶר זָאל** זֵיי פַאר רֶעכְטִין. אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיקִין. עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶר פַאר פִירְטְקֵייט.

**אִיטְלִיכֶע מְדִינָה זָאל עֶר אַרוֹיס פִירִין פוּן אִיר שְׁלֶעכְץ** אוּן פוּן אִיר נַארִישְׁקֵייט. וָוארִין זֵיי אַלֶע זֶענֶען זִיךְ פַארְפִירְט גִיוָוארִין כַּנַּ"ל.

**אוּן הַיינְט הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה בְּוַודְאַי כֹּחַ גִיהַאט** צוּ זֵיי צוּ גֵיין אוּן זֵיי אוּמְקֶערִין צוּם רֶעכְטִין וֶועג.

**וָוארִין עֶר הָאט גִינוּמֶען כֹּחַ אוּן רְשׁוּת פוּן דִי מְלָכִים פוּן דִי אַלֶע מְדִינוֹת.** וָוארִין דָא זֶענֶען זִיךְ גִיוֶוען אַלֶע מְלָכִים זֵייעֶרֶע כַּנַּ"ל (וָוארִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט וָואס זֵיי זֶענֶען זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען זֵיי אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מְלָכִים פוּן דִי אַלֶע מְדִינוֹת פוּן דִי כִּתּוֹת הַנַּ"ל).

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר כֹּחַ עֶר זָאל זֵיי רֵיינִיקִין אוּן זָאל זֵיי מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין.**




# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (10) - פון דער בעל תפילה

**א. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג

**ב. פארוואס האבן זיי גענומען די בת מלכה פאר קעניג?**

- ❑ ווייל זי איז א טאכטער פון קעניג
- ❑ ווייל זי איז א יפת תואר
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**ג. אויף וואס האבן געוויינט די אנשי המלך און די בת מלכה?**

- ❑ אויף דעם טייערן קינד
- ❑ אויף איר טאטע און מאמע
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

***ד. שאלת זכות: וועלכע פון די אנשי המלך האט געקעניגט אויף צוויי מדינות?***

- ❑ *דער בעל תפלה- אויף די מדינה של עשירות און אויף די כתה פון תפלה*
- ❑ *דער ממונה - אויף די מדינה של עשירות און אויף די כתה פון חכמה*
- ❑ *דער גבור - אויף די כתה פון גרויסן די איברים און אויף די כתה פון ישוב העולם*

**ה. וואס האט די בת מלכה געבעטן פון דעם בעל תפלה?**

- ❑ צו א ביסל רייניגן דערווייל די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו רייניגן די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו א ביסל רייניגן דערווייל אלע מדינות פון זייער טעות

**ו. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג

**ז. וואו האבן זיי געטראפן דעם קינד ווען זיי האבן אים גענומען פאר א קעניג?**

- ❑ אין א ים פון וויין
- ❑ אין א ים פון מילך
- ❑ אין א ים פון בלוט

**ח. וויאזוי האט דאס קינד דערקענט די אנשי המלך?**

- ❑ ווייל ער איז שוין געווען אביסל גרויס ווען ער איז פארלוירן געווארן
- ❑ ווייל זיין מאמע האט אים דערציילט אז זיי זענען דאס
- ❑ ווייל ער איז געבוירן געווארן מיט גרייטע חכמה

**ט. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג

**י. פארוואס האט די מדינה איר גענומען אלס מלכה?**

- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון בלוט
- ❑ ווייל זי איז א יפת תואר
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**יא. פון וואס איז געווארן די ים פון בלוט?**

- ❑ פון וויין
- ❑ פון קלעפ וואס זי האט גכאפט
- ❑ פון די טרערן פון די מלכה וואס זי פלעגט תמיד וויינען

**יב. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**

- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון כבוד און דער מלך איז זייער קעניג

**יג. וואו האט די כתה אים געטראפן?**

- ❑ אין זיין חצר ווען ער איז געזעסן מיט אסאך קעניגן
- ❑ אין פעלד מיט א קרוין אויף זיין קאפ
- ❑ אין זיין פאלאץ מיט אלע שרים ארום אים

**יד. וויאזוי שטעלט דער רבי פאר, די שמחה ווען זיי האבן געטראפן דעם מלך?**

- ❑ שמחות און בכיות
- ❑ א שמחה אהן א סוף
- ❑ א שמחה וואס מיקען נישט משער זיין אין מח

**טו. צו וואו האבן זיי געשיקט דעם בעל תפלה נאכדעם וואס די הייליגע קיבוץ האט זיך געטראפן?**

- ❑ צו רייניגן די מדינה של עשירות פון תאוות ממון
- ❑ צו רייניגן די כתה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו רייניגן אלע מדינות פון זייער טעות

***טז. שאלת זכות: וויפיל פון די אנשי המלך זענען צוזאמען געטראפן?***

- ❑ ***נײַן** - דער בעל-תפילה און דער גבור, דער ממונה, און דער חכם, דער מליץ און דער אוהב נאמן, די בת מלכה, דער מלך און די מלכה.*
- ❑ ***צען** - דער בעל-תפילה און דער גבור, דער ממונה, און דער חכם, דער מליץ און דער אוהב נאמן, די בת מלכה און דאס קינד, דער מלך און די מלכה.*
- ❑ ***אכט** - דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מליץ, דער אוהב-נאמן די מלכה און דער מלך.*

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

?

אלע קינדער וואס האבן געוואונען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11

# פַאַרְגֶעסְן פוּן אַלֶע צָרוֹת

׳נַחְמָן עוֹזְרְ׳ס׳, אַזוֹי הָאט מֶען גֶערוּפְן דֶער קְלֵיינֶער יָתוֹם וָואס זַיין טַאטֶע אִיז נֶעבֶעך נִפְטָר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע אִינְגֶל. רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ און אִים עֶרְצוֹיגְן וִוי אַן אֵייגְן קִינְד. סְ׳אִיז גֶעוֶוען ׳הַמְגַדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ׳ וואוּ אִימֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען פְלֶעגְט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן מִיטְגֵיין מִיט אִים וִוי אַ אִינְגֶעלֶע לוֹיפְט מִיטְן טַאטֶע׳ן וואוּ עֶר גֵייט!

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם-אָבֵל זַיין אַ מִשְׁפָּחָה וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעסְן שִׁבְעָה נָאךְ זֵייעֶר נָאנְטֶער, אִיז נַחְמָן אוֹיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאט נַחְמָן אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶערֶעדְט.



מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ׳ס חַבְרַיָּא, זֶענֶען אַמָאל דִי תַּלְמִידִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם, הָאבְּן זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי זֶענֶען בַּיי אַן אָבֵל אִין שְׁטוּבּ, אוּן דֶער אָבֵל הָאט פַארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז אִיצְטֶער אַן אָבֵל אוּן זִיצְט שִׁבְעָה, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס טַאנְצְן! הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן רֶבִּי נָתָן: ״בַּיים רֶבִּי׳ן קֶען אוֹיךְ זַיין אַזוֹי! אַז מֶען זָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן אוּן מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַז מֶען אִיז בַּיי אַן אָבֵל אִין שְׁטוּבּ, אוּן דֶער אָבֵל זָאל אוֹיךְ פַארְגֶעסְן וואוּ עֶר אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט״!

אַזַא סָארְט שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז אַז אַ מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן זָאל פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן טַאנְצְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס!

